35 און פּױלוס און בר נבֿא זענען פֿאַרבליבן אין אַנטיאָכ־
יען, לערנענדיק און אָנזאָגנדיק מיט נאָך אַ סך
אַנדערע דאָס װאָרט פֿון דעם האַר.
36 און אין אײניקע טעג אַרום האָט פּױלוס געזאָגט צו
בר נבֿאן: לאָמיר זיך אומקערן און באַזוכן די ברידער
אין אַלע שטעט, אין װעלכע מיר האָבן אָנגעזאָגט
דאָס װאָרט פֿון דעם האַר, (און זעען) װי עס דער־
37 גײט זײ. בר נבֿא אָבער האָט געװאָלט מיטנעמען
אױך דעם יוחנן, װעמען מען האָט גערופֿן מאַרקוס.
38 נאָר פּױלוס האָט עס נישט געהאַלטן פֿאַר טױגבאַר
מיטצונעמען דעם, װאָס האָט זיך אָפּגעקערט
פֿון זײ פֿון פּאַמפֿיליען, און איז נישט מיטגעגאַנגען
39 מיט זײ צו דער אַרבעט. און עס איז געקומען צו
אַ פֿאַרביטערונג, אַזױ, אַז זײ האָבן זיך אָפּגעטײלט
אײנער פֿון אַנדערן, און בר נבֿא האָט גענומען
40 מאַרקוסן און זיך אַװעקגעשיפֿט קײן ציפּערן; און
פּױלוס האָט אױסדערװײלט סילאָן און איז אַװעק־
געגאַנגען, װערנדיק איבערגעגעבן פֿון די ברידער
41 צו דעם חסד פֿון דעם האַר. און איז אַדורכגעגאַנגען
סיריען און ציליציען און האָט געשטאַרקט די
קהלות.

## קאַפּיטל זעכצן

1 און ער איז געקומען אױך קײן דערבע און ליסטראַ,
און זע, דאָרטן איז געװען אַ געװיסער תּלמיד,
מיטן נאָמען טימאָטעוס, אַ זון פֿון אַ ײדישער גלױביק
געװאָרענער פֿרױ, זײן פֿאָטער אָבער איז געװען אַ
2 גריך; און ער האָט געהאַט אַ גוטן שם בײַ די ברידער
3 אין ליסטראַ און איקאָניען. אים האָט פּױלוס געװאָלט
האָבן מיט זיך אַרױסצוגײן, אױף דער נסיעה, און
האָט גענומען און אים מל געװען צוליב די ײדן,